השלמה משנת תשפ"ג

מכון מעדני מלך וויען

# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

**פרשת בשלח - יתרו תשפ"ג לפ"ק**

### בסעודת ברית מילה של בן הר"ר אליקים געציל פאלקאוויטש הי"ו

יום ג' פרשת בשלח תשפ"ג לפ"ק

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, ווען יודען זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים, ביים נס פון קריעת ים סוף האבן זיי געזאגט שירה. צווישן די שירה האבן זיי געזאגט, זה קלי ואנוהו, אלוקי אבי וארוממנהו (שמות טו-ב). זה קלי, דער אייבערשטער איז מיין גאט, ואנוהו. אלקי אבי, ער איז דער גאט פון מיין טאטען, וארוממנהו. רש"י זאגט, לא אני תחילת הקדושה, די קדושה הייבט זיך נישט אן ביי מיר, אלקי אבי, די קדושה קומט פון מיינע עלטערן.

**ואנוהו** איז דא פארשידענע פשטים וואס עס מיינט. רש"י אויפן פלאץ ברענגט צו צוויי פשטים. איינס, ואנוהו איז א לשון פון שיינקייט, התנאה לפניו במצוות, יודען האבן זיך פארגענומען, אז ווען אונז גיי מיר טון א מצוה פארן אייבערשטען, גייען מיר עס טון אויף א שיינעם וועג. מען קען קויפן א פשוטן טלית, און מען קען קויפן א טלית נאה, א שיינעם טלית. יעדע מצוה קען מען באשיינען, א פשוטן אתרוג אדער א מהודר'דיגן אתרוג. א מענטש איז מחויב אויסצוגעבן ביז א שליש, ער איז מחויב צו צאלן מער ביז א דריטל, פאר א שענערע מצוה (בבא קמא ט:). זה קלי ואנוהו, התנאה לפניו במצות. יודען האבן געהאט אסאך געלט, רכוש מצרים מיט ביזת הים. פארוואס דארף א יוד געלט, האבן זיי געזאגט, זה קלי ואנוהו, אונז גיי מיר אויסנוצן דאס געלט פארן אייבערשטען'ס וועגן, באשיינען די מצוות.

**נאכדעם** זאגט רש"י, ואנוהו כתרגומו, איך וועל גיין בויען פאר אים א בית המקדש. א דירה ווערט אנגערופן נוה. ואנוהו, איך גיי מאכן א דירה פארן אייבערשטען, איך וועל אים בויען א בית המקדש.

**אין** די גמרא (שבת קלג:) איז דא א דריטער טייטש אויף ואנוהו, ואנוהו איז צוזאמגעשטעלט פון צוויי ווערטער, אני והוא, איך גיי זיך מדמה זיין צום אייבערשטען. אלע מדות וואס איז דא ביים אייבערשטען, דער באשעפער איז א רחום, וחנון, א גומל חסד. אני והוא, איך גיי זיך פירן מיט די מדות וואס דער אייבערשטער האט.

**עס** קען זיין אז די אלע האבן א שייכות איינס מיט דאס אנדערע. ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (שמות

על הטוב יזכר

ידידינו מוה"ר **וואלף מארקאוויטש** הי"ו

**אשר כלכל הוצאת הגליון לזכות הרבים**

לרגל אירוסי בתו הכלה תחי' למזל טוב

כה-ח), בתוכו לא נאמר אלא בתוכם, בתוך כל אחד ואחד מישראל. עס איז דא השראת השכינה וואס איז דא אין בית המקדש, מען האט געבויט א משכן, און א מקדש שפעטער, און דער אייבערשטער האט גערוהט דארט. עס איז אויך דא א מקדש, וואס יעדער יוד איז אליין א מקדש פארן אייבערשטען. אויב ער איז זוכה, און ער פירט זיך ערליך, איז דא אן השראת השכינה אויף דעם יוד וואס פירט זיך ערליך, און ער איז א מקדש. א מקדש איז א פלאץ ווי עס איז דא השראת השכינה, ווי דער אייבערשטער רוהט.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט ועשו לי מקדש, מען זאל מיר מאכן א מקדש, ושכנתי בתוכם, בתוך כל אחד ואחד מישראל! עס איז נישט גענוג דער מקדש אליין וואס איז געווען אינעם משכן, און שפעטער אין די בתי מקדשות, וואס אונז האב מיר נישט היינט. אונז האב מיר היינט א מקדש, מען קען אליין זיין א מקדש פארן אייבערשטען.

**ווי** אזוי ווערט מען א מקדש פארן אייבערשטען? מען ברענגט צו פון **זוהר הק'** (תיקוני זוהר כב סו.), אז ווען מען מל'ט א קינד איז שורה אויף אים צוויי שמות. אז ער פירט זיך ערליך, איז דא דער שם הוי"ה מיטן שם שד"י. מלגו ומלבר, עס איז דא א שם וואס טוט ארום נעמען דעם מענטש פון אינעווייניג, און עס איז דא א שם וואס טוט ארומנעמען פון אינדרויסן. עס איז דא צוויי שמות אויף אן ערליכן יוד. און די שמות וואס איז דא אויף א יוד, דאס איז די השראת השכינה וואס ער האט. ער ווערט א מקדש פארן אייבערשטען, ווייל אויף אים איז דא די שמות פונעם אייבערשטען.

**די** צוויי שמות באטרעפן דריי הונדערט און פערציג. שד"י איז דריי הונדערט און פערצן, שם הוי"ה איז זעקס און צוואנציג, דאס איז דריי הונדערט און פערציג. וועגן דעם וואונטשט מען אן ביי א קינד, כשם שנכנס לברית, אזוי ווי ער איז אריינגעגאנגען לברית, איז דא די צוויי שמות, וואס באטרעפט ש"מ, שד"י מיט הוי"ה, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, זאל ער זיין שפעטער אויך אזוי. - קומט אויס, אז א יוד קען זיך מאכן א מקדש פארן אייבערשטען, דורכדעם וואס עס איז שורה אויף אים די צוויי שמות פונעם באשעפער.

**האבן** יודען געזאגט, זה א-לי ואנוהו, אני והוא, איך גיי נישט זיין אליינס, איך גיי האבן אויף מיר די שמות פונעם אייבערשטען. אני והוא, איך צוזאמען מיטן אייבערשטען. און דורכדעם איז ואבני ליה מקדשא, וועל איך ווערן אליין א בית המקדש פארן אייבערשטען.

**דאס** געשעהנט בשעת א יוד איז מקיים מצות מילה. מצות מילה איז א מצוה וואס עדיין עושין אותה בשמחה. כאטש עס איז פארבינדן מיט ווי טון פאר א קינד, קוקט מען נישט דערויף, און מען פריידט זיך, מען טוט עס בשמחה. לא אני תחילת הקדושה, דאס איז נישט פון אונז זענען מיר אליין זוכה צוצוקומען צו די מדריגה, נאר כל מצוה שקבלו עליהם בשמחה, אלקי אבי, אברהם אבינו האט עס מקבל געווען בשמחה, איז עס געבליבן אויף דורות שפעטער. ווייל יעדע זאך אזוי ווי מען איז עס מקבל אויף זיך, האט עס א שורש אויף שפעטער. יודען האבן מקבל געווען אויף זיך מצות מילה בשמחה, דאס וואס אונז זעמיר עס היינט מקיים, דאס איז אלקי אבי, לא אני תחילת הקדושה, דאס נעמט זיך פון אברהם אבינו אן און ווייטער, דאס געבט דעם כח פאר א קינד, ער זאל קענען זיין א מקדש פארן אייבערשטען.

## ביקור הרה"ג רבי מרדכי אברהם גינזבורג שליט"א בן כ"ק האדמו"ר מחוסט שליט"א

***להזמין את רבינו שליט"א לשמחת החתונה של בנו בשעטו"מ***

יום ג' פרשת בשלח תשפ"ג לפ"ק

**רבינו:** דער זיידע [**הגה"צ רבי אהרן ארי' כ"ץ זצ"ל** אב"ד בית אהרן פלעטבוש] האט אמאל געמאכט א ברית ביי איינע פון זיינע קינדער, און ער האט מכבד געווען דעם **באיאנ'ער רבי זצ"ל** צו זאגן די ברכות ביים ברית, און דעם **קאפישניצ'ער רבי** האט ער מכבד געווען מיט קריאת השם, ער האט עס

צוטיילט. ווען דער באיאנ'ער רבי האט געענדיגט די ברכות, און ער גיט איבער דעם כוס פארן קאפישניצער רבי, האט דער קאפישניצער רבי געזאגט, ניין, דער באיאנ'ער רבי זאל ענדיגן קריאת השם אויך. און דער קאפישניצער רבי איז געבליבן אן א כיבוד. ווען מען האט געענדיגט, זאגט אים דער זיידע, רבי אהרן ארי', קאפישניצער רבי איר האט מיך באליידיגט. איך האב אייך געוואלט מכבד זיין מיט א כיבוד, און איר האט עס נישט אנגענומען, איר האט עס געגעבן פארן באיאנ'ער רבין.

האט ער געזאגט א שיין ווארט. לעולם דארף א מענטש אוועקשטיין פון כבוד. נאר אז מען איז מכבד א יוד צו זאגן א ברכה פארן אייבערשטען, האט ער נישט קיין ברירה, מוז ער עס אננעמען. דאס איז די ברכות, אבער קריאת השם איז נאר סתם א כיבוד, זאגט ער, פאר סתם א כיבוד, האב איך שוין צו א ווייסע באַרד אז עס זאל מיך אינטערעסירן כבוד. פאר ברכות, בין איך דא, אבער קריאת השם זאל דער באיאנ'ער רבי זאגן. - זאלן זיי זיין מליצי יושר.

**הגרמ"א:** דער סקווירא'ער רבי פלעגט אויך קומען אלעמאל צו די ברית'ן.

**רבינו:** יא. ביי די חתונה'ס אויך, אפשר פון די לעצטע חתונות וואס דער סקווירא'ער רבי איז געווען, איז געווען ביי ענק.

**הגרמ"א:** עס איז געווען ביי די שטיין משפחה [הגה"צ מפאלטישאן זצ"ל], וואס ער האט זיך ממש אנגעשטרענגט.

**רבינו:** ער האט קוים געקענט שטיין אויף די פיס.

**הגרמ"א:** ער האט געזאגט, ער וויל זיין צוזאמען מיטן טאטען [פון עולם העליון] אונטער איין דאך.

**רבינו:** יא, איך געדענק די חתונה.

**הגרמ"א:** דער רב'ס טאטע פלעגט מן הסתם אויך קומען, ער איז דאך געווען זייער נאנט מיט מיין זיידן.

**רבינו:** עס איז נישט אדורך א טאג וואס זיי האבן נישט גערעדט אויף טעלעפאון. דער זיידע האט געוואוסט אלע נייעס וכדומה, מיין טאטע איז געווען אביסל א צוריקגעצויגענער. וואס עס האט זיך אפגעטון אין וויליאמסבורג, פלעגט ער געוואויר צו ווערן אין פלעטבוש... ער פלעג אלץ צו זאגן, אז די וויליאמסבורגער נייעס גייט קודם אויף פלעטבוש, און פון דארט קומט עס צוריק אויף וויליאמסבורג.

**הגרמ"א:** די קינדער האבן אנגעהאלטן דעם קשר שפעטער אויך.

**רבינו:** איך בין געווען אמאל אויף א שבת ביים זיידן, דער סאטמאר'ער רב איז געווען אין בארא פארק אויף א שבת, אין די כ' יארן, און מען האט אריינגעוואקט פרייטאג צו נאכטס נאך די סעודה, צו דעם טיש, פון אשע"ן עוועניו.

**הגרמ"א:** מיין זיידע האט דאך נישט געהאט קיין מקוה קודם אין פלעטבוש, און ער פלעגט אסאך יארן גיין יעדע וואך שבת צו די מקוה אויף 14'טע עוו. ביז ער האט אליין געמאכט ביי זיך א מקוה. יעדן טאג איז ער געגאנגען מיט א קאר, אבער שבת פלעגט ער גיין און קומען פארן דאוונען. עס איז געווען א מהלך רב ביז די 14'טע עוו. און 46.

**רבינו:** ער איז געווען צוגעוואוינט צו וואקן.

**ובירך רבינו:** די חתונה זאל זיין בשעה טובה ומוצלחת, אין א מזל'דיגע שעה, און זעהן אסאך יודיש נחת. - איך וויל מכבד זיין מיט א ספר, עס איז נעכטן ארויסגעקומען פונעם דרוק.

## ביקור כ"ק האדמו"ר מיערוסלוב שליט"א אצל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יום ג' פרשת בשלח תשפ"ג לפ"ק

**רבינו:** וואס מאכט מען עפעס? וואו וואוינט מען?

**האדמו"ר מיערוסלוב:** אין מודיעין עילית.

**רבינו:** עס איז א היימישע ישוב דארט?

**האדמו"ר מיערוסלוב:** עס וואוינען דארט בלויז חרדישע יודען. סיי חסידישע, אויך די בני תורה, די ליטווישע, אבער אלץ חרדי'ש. - אין ארץ ישראל איז דאס די גרעסטע חרדישע שטאט, איך מיין צו זאגן נאר פון חרדים. בני ברק גרעניצט זיך מיט אנדערע, אבער דארט איז נישט דא עפעס ביי די גרעניצן.

**רבינו:** עס איז א ווינקל פאר זיך. מען דארף דאך האבן א פלאץ ווי מען קען מפיץ זיין תורה און יראת ה'. אין די גרויסע שטעט איז שוין דא געגוג, מען

דארף זיך צושפרייטן אביסל. - ביי וועם זענט איר אן איידעם?

**האדמו"ר מיערוסלוב:** ביים מאחנובקא רבי'ס טאטע (הרב יצחק דוד רוקח ז"ל).

**רבינו:** איך בין אמאל געווען ביים אלטן מאחנובקא רבי אין שטוב. ער איז ארויסגעקומען שפעטער פון רוסלאנד. דער מאחנובקא'ער רבי איז ארויסגעקומען שפעטער פונעם ציבור. - וואו שטייט איר איין דא?

**האדמו"ר מיערוסלוב:** ביי רבי יוסף אויש. מען טאר נישט משנה זיין אן אכסניא.

**רבינו:** רש"י (בראשית יג-ג) לערנט עס ארויס פון אברהם, אז ער איז צוריק געגאנגען אויף זיין פלאץ. די וועלט זאגט, אז געווענליך אן ארימאן שטייט איין אין א שוואכע אכסניא, ער האט דאך נישט צו באצאלן. ווען ער ווערט אן עושר הייבט ער אן צו זוכן א בעסערע אכסניא, א בעסערע האטעל. אברהם אבינו ווען ער איז צוריק געקומען פון מצרים איז ער דאך געווען אנגעלאדענט מיט געלט, וואס ער האט באקומען דארט, וואלט מען דאך געקענט מיינען אז ער האט זיך געטוישט זיין אכסניא, ער האט שוין יעצט א ברייטע פארמעגן, קען ער מער. ניין, ער גייט צוריק צו די אלטע אכסניא, וואו ער איז געווען.

**רבינו:** מען איז דא אויף שבת?

**האדמו"ר מיערוסלוב:** איך פאר שוין צוריק מארגן אי"ה. איך בין געקומען אויף א חתונה אויף א פאר טעג.

**רבינו:** ווער האט חתונה געמאכט.

**האדמו"ר מיערוסלוב:** רבי יצחק משה זילבערשטיין.

**רבינו:** נו, אז מען איז שוין דא, פארוואס בלייבט מען שוין נישט אויף שבת?

**האדמו"ר מיערוסלוב:** מה' מצעדי גבר, דער באשעפער רעכנט אלעס אויס. מען זאגט נאך, אז **רבי יענקעלע פון פשעווארסק** האט אמאל נאכגעזאגט פון **רבי איציקל פשעווארסק'ער זצ"ל** (הובא בי"ג אורות ח"א), אז עס איז אמאל געווען א קבוצה פון בעלי מוסר, האט איינער נאכגעזאגט וואס עס שטייט אין **חובות הלבבות** (בפתיחה לשער הבטחון), מעשה בפרוש אחד בתחילת פרישותו, וואס ער פלעגט ארום פארן אין די וועלט אויף פרנסה, און ער פלעג דרשנ'ן אז מען דארף האבן בטחון אינעם אייבערשטען. האט אים איינער געזאגט, מעשיך סותרת דבריך, דו דרשנ'סט אויף בטחון, דו קענסט זיצן אין שטוב, און האבן בטחון אז דער אייבערשטער וועט דיר שיקן פרנסה, פארוואס פארסטו ארום? האט ער מקבל געווען, און ער איז אהיימגעפארן. אזוי שטייט די מעשה אין חובות הלבבות.

האבן זיי געפרעגט דארט די בעלי מוסר, וואס איז ער מדגיש אז עס איז געווען בתחילת פרישותו. האבן זיי פארענטפערט, ווייל ווען ער וואלט געווען א אלטער פרוש, וואלט ער אליין פארשטאנען אז מען דארף נישט ארומפארן. נאר בתחילת פרישותו, האט ער נאך נישט פארשטאנען, און מען האט אים געדארפט אויסלערנען. פאר רבי יענקעלע איז געפאלן דאס ווארט, און ער האט עס איבערגעזאגט פאר רבי איציקל. האט רבי איציקל נאכגעזאגט פונעם **שינאווער רב זי"ע**, אז דער טייטש איז אנדערש. ווען ער וואלט געווען אן אלטער פרוש, וואלט ער געבליבן, ווייל ער וואלט פארשטאנען, אז ווען מען פירט צו פון הימל אז ער זאל פארן, דארף ער זיך נישט איינשפארן, מען האט אים צוגעשיקט אזוי (עיין **בשמן ראש** חלק י"א במדבר דף תקצט).

**רבינו:** יא, עס איז אלעס אויסגערעכנט פון פריער וואו מען דארף זיין. נאכדעם איז אלעס נאר סיבות פארוואס מען איז אהין אנגעקומען. די סיבות פארשטייט נישט דער מענטש, אבער פארוואס ער האט געדארפט דארט זיין, דאס איז א חשבון פון אויבן.

**רבינו שליט"א כיבדו לברך על היין**

**רבינו:** לחיים טובים ולשלום, דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה, מתוך נחת און הרחבת הדעת, אלעס זאל גרינג אנקומען אי"ה.

**האדמו"ר מיערוסלוב:** דער רב זאל אויך קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה מיט הרחבת הדעת, מיט אלע מיני השפעות.

**רבינו:** אמן. דער באשעפער זאל העלפן אי"ה, מען זאל קענען צוזאמקומען נאר מיט שמחות, און קומען אויף שמחות.

**האדמו"ר מיערוסלוב:** אמן. דער רב מאכט אויך א שמחה?

**רבינו:** איך האב היינט א שידוך געטון מיט א אייניקל (הרב אברהם דוד כ"ץ שליט"א).

**האדמו"ר מיערוסלוב:** בשעה טובה ומוצלחת. איך האב אמאל געהערט, פארוואס מען רופט מען עס 'א ווארט', ווייל מה' יצא הדבר (בראשית כד-נ).

*

**האדמו"ר מיערוסלוב:** רבי יצחק משה זילבערשטיין האט געדרוקט דעם זיידענס ספרים, דעם **שבילי דוד** פונעם **ווייטצענער רב.**

**רבינו:** דער שבילי דוד איז געווען א גרויסער גאון. דער שבילי דוד האט געוואוינט אין אונגארן, ער האט געהאט קליינע קינדער אין שטוב, און ער האט בימים ההם, איבערגעלאזט אונגארן, און ער האט זיך באזעצט אין ירושלים. עס האט געהייסן דעמאלטס א דבר פלא, מיט קליינע קינדער איז קיינער נישט אוועקגעפארן פון חוץ לארץ ארויף אויף ירושלים. נאך א פאר יאר איז ער צוריק געקומען אויף אונגארן. די וועלט זאגט, אז ער איז צוריק געקומען ווייל ער האט געזעהן אז דער זון רבי ישעי' זילבערשטיין, דער מעשי למלך, אז ער איז א עילוי, און ער האט פארשטאנען אז אין ארץ ישראל וועט ער נישט קונה זיין קיין מקום, אין חוץ לארץ וועט ער קענען קונה מקום זיין, איז ער צוריקגעקומען אויף חוץ לארץ.

איך האב געהערט פון **מיין טאטע זכרונו לברכה**, אז דער **קול אריה** האט אמאל געטראפן דעם שבילי דוד, און ער האט געזאגט פארן שבילי דוד, אז די וועלט חידוש'ט זיך אויף אייך, מעיקרא מאי קסבר ולבסוף מאי קסבר. מען איז דא געווען, און אהין געפארן, און צוריק געקומען. זאגט דער קול אריה, איך האב א תירוץ. מעיקרא ווען איר זענט דא געווען, האט איר געמיינט אז ארץ ישראל איז בעסער, זענט איר געפארן אויף ארץ ישראל. און אזוי ווי אוירא דארץ ישראל איז מחכים (בבא בתרא קנח:), זענט איר געקומען צום שכל אז דא איז בעסער, זענט איר צוריק געקומען...

**האדמו"ר מיערוסלוב:** א יוד איז ארויסגעקומען קיין ארץ ישראל, האט ער געזאגט, אז דער בילגירייער רב האט געזאגט, אז ארץ ישראל איז הונדערט מאל מער פון וואס מען האט געמיינט. און דער בעלזער רב ז"ל האט געזאגט, און איך זאג אסאך אסאך אסאך מער.

**רבינו:** ביי יעדן מענטש איז אנדערש. יעדער האט זיין תפקיד וואו ער דארף צו זיין.

**האדמו"ר מיערוסלוב:** דא איז געווען דער **יאברוב'ער רבי.** ער איז געפארן נאך פון פוילן קיין אמעריקא, צוליב פרנסה.

**רבינו:** ער איז געווען שפעטער אין ירושלים.

**האדמו"ר מיערוסלוב:** סוף ימיו איז ער געווען אין ירושלים.

ער האט געפרעגט דעם פריער'דיגען בעלזער רב, ער האט געוואלט ער זאל אים געבן הסכמה ער זאל פארן קיין אמעריקא. דער פריערדיגער רב האט אים געזאגט, איך ווייס נישט, ווי אזוי מען קען טרעטן אויף א ערד וואס דער רבי ר' אלימלך מיטן רבי ר' זושא האבן נישט געטראטן. אזוי האט ער אים דעמאלטס געזאגט. שפעטער, ווייזט אויס אז ער האט נאכאמאל געפרעגט, האט ער שוין יא געגעבן רשות, אבער אנהייב האט ער אזוי געזאגט. - היינט אז אויף דעם ערד טרעטן אזויפיל ערליכע יודען, איז עס אנדערש.

מען זאגט אז עס איז געווען אנטווערפענער יודען וואס זענען געקומען צום בעלזער רב, איז געווען דארט א יוד, ער האט געהייסען רבי נפתלי הירץ שפירא, וואס דער רב האט אים געפרעגט, ווי אזוי פארט איר צוריק. האט ער געזאגט, ער פארט צוריק מיט א שיף. האט דער רב שטארק הנאה געהאט, אויף א שיף האבן שוין צדיקים אסאך מתפלל געווען, אבער עראפלאן איז א נייע זאך, מען האט נאך נישט געבעטן דערויף אזויפיל. אמאל איז מען נישט אזויפיל געפארן מיט א עראפלאן, האט מען נישט געבעטן אזויפיל.

**רבינו:** ווען איך בין געווען א בחור, בין איך געווען אמאל מיט **מיין טאטען זכרונו לברכה**, ביים **קלויזענבורגער רב** אין קרית צאנז אין נתניה. און ער האט גערעדט דעמאלטס וועגן קדושת ארץ ישראל. דער קלויזענבורגער רב פלעגט אזוי ברייט צו רעדן, ער פלעגט צו זאגן, אה, ארץ ישראל איז אזוי הייליג, די אבות האבן זיך ארומגעדרייט דא אויף די ערד. עס קען זיין אז דא וואו אונז זיץ מיר, איז אפשר אברהם יצחק יעקב אויך געווען אמאל. ער האט געוואלט ארויסברענגען די חשיבות.

נאכדעם האט ער זיך אנגערופן און ער האט געזאגט, עה, איך זאג ארץ ישראל איז הייליג, ווייל די אבות זענען דא געווען. איינער האט אמאל געזאגט, אז דער אייבערשטער דארף זיין א גרויסער צדיק, ווייל ער האט אזויפיל צדיקים אויבן נעבן זיך, מוז ער דאך זיין א צדיק... האט ער געזאגט, איך זאג ארץ ישראל איז הייליג, ווייל די אבות זענען געזעסן דא. ארץ ישראל איז הייליג! יא אבות, נישט אבות, עס איז הייליג!

**האדמו"ר מיערוסלוב:** דער קלויזענבורגער רב איז אמאל געגאנגען באזוכן דעם בעלזער רב, און דער בעלזער רב פלעגט מכבד זיין מיט באנאנע ליקער, אין מיטן די וואך פלעגט דער רב מכבד זיין א גאסט מיט באנאנע ליקער. און דער רב האט זיך אויסגעדרוקט, אז באנאנע ליקער איז די בעסטע ליקער אין די גאנצע וועלט. מיט אזא מין לשון האט

ער זיך אויסגעדרוקט. ער האט געהאט עפעס אן ענין מיט באנאנע ליקער. האט זיך דער קלויזענבורגער רב אנגערופן, מיט אזא לשון, איך מוז זאגן פארן רבי'ן, אז עס איז א אפענע רוח הקודש. מילא איך פאר אין די גאנצע וועלט, ווייס איך. אבער דער רבי זיצט דאך ביי זיך אין שטוב, פון וואנעט ווייסט דער רבי אז דאס איז די בעסטע ליקער פון די גאנצע וועלט...

**רבינו:** עס מוז זיין רוח הקודש...

**האדמו"ר מיערוסלוב:** ער האט געהאט א מנהג נישט צו עסן באנאנע, ער האט מקפיד געווען נישט צו עסן באנאנע. זעהט אויס אז ער האט געהאט א שאלה אויף די ברכה, ער האט דאך שטארק מקפיד געווען אויף ספק ברכות. עס איז א מחלוקת צי מען דארף זאגן בורא פרי העץ, צו בורא פרי האדמה. קען זיין ער האט געוואלט כאילו מפייס זיין די באנאנע מיט די באנאנע ליקער.

**רבינו:** ער זאל דאס אויך מעלה זיין. פיין.

דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער אויף, מען זאל קענען זיך צוזאמקומען מתוך שמחה פרייליכערהייט מיט ברכה און הצלחה. - איך וועל מכבד זיין מיט א ספר, איך האב עס באקומען נעכטן פון דרוק.

**האדמו"ר מיערוסלוב:** איך האב אינדערהיים א ספר פונעם רב, איך האב שטארק הנאה פון דעם, איך זאג נאך ווערטער אסאך מאל. איך וועל נאכזאגן א ווארט, עס שטייט (פסחים מט.) לעולם ימכור אדם כל מה שיש לו, וישא בת תלמיד חכם. האב איך נאכגעזאגט, עס שטייט אז פאר א מצוה איז דא א גבול וויפיל מען דארף אויסגעבן (**שו"ע** או"ח סימן תרנ"ו), נישט מער פון א חומש וכדומה. פארוואס ימכור אדם כל מה שיש לו? נאר עס איז דא די ווארט פונעם **בעל התניא** (פרק י'), אז כל אשר לו, יתן בעד נפשו, צדקה סתם האט א גבול, אבער עס איז דא חטאיך בצדקה פרוק (דניאל ד-כד). פאר חיי נפשו איז נישט דא קיין גבול, אזוי אויך א שידוך מיט א בת תלמיד חכם איז חיי נפשו (עיין **בשמן ראש** חלק עשירי במדבר דף קא). - אזא ווארט זאגט זיך גוט נאך.

**רבינו:** דער באשעפער זאל העלפן אי"ה, להגדיל תורה ולהאדירה.

## ביקור של כ"ק האדמו"ר מוויזניץ ירושלים שליט"א אצל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יום א' פרשת יתרו תשפ"ג לפ"ק - פאלם ספרינגס

**רבינו:** אזא חשובען גאסט האבן מיר דא.

**האדמו"ר מוויזניץ י-ם:** מען זאגט לשנה טובה ומתוקה היינט (חמשה עשר בשבט). מען האט היינט געזאגט ביים בענטשען, הרחמן הוא יחדש עלינו שנה טובה ומתוקה.

**רבינו:** אז עס איז ראש השנה קען מען אזוי זאגן.

**האדמו"ר מוויזניץ י-ם:** דער זיידע (הרה"ק **בעל אמרי חיים מוויזניץ זצ"ל**) האט געדאווענט פארן עמוד מיט די נוסח פון ראש השנה. ברוך שאמר מיט ישתבח. ער פלעגט פארן צו רבי שמעון קיין מירון, מען קען נישט צוגיין ראש השנה צום דאווענען, אן זיין אין מירון ביי רבי שמעון.

**רבינו:** כי האדם עץ השדה (דברים כ-יט).

**האדמו"ר מוויזניץ י-ם:** עס שטייט אין עמדין סידור, ונהגו להרבות בפירות, ולומר עליהם שירות ותשבחות אויף די פירות.

**רבינו:** פון די פריערדיגע האט עס כמעט נישט קיין מקור.

**האדמו"ר מוויזניץ י-ם:** עס שטייט אין **קדושת לוי** (ליקוטים ד"ה בחמשה), און אין **עבודת ישראל** (ויגש ד"ה במדרש) די גרויסקייט פונעם טאג. - אילן במה אברכך, פירותיך מתוקין, גייט ארויף אויף חמשה עשר בשבט.

**רבינו:** יא, אבער דאס אז חמשה עשר בשבט האט צוטון מיטן מענטש.

**האדמו"ר מוויזניץ י-ם:** שבטי י-ה עדות לישראל להודות לשם ה' (תהלים קכב-ד).

**רבינו:** אלעס איז נאר פון די תלמידי הבעל שם.

**האדמו"ר מוויזניץ י-ם:** דער **בעל שם טוב הק'** אליין האט בשמחה רבה געמאכט א ברכה אויף די פירות.

**רבינו:** יא, אבער אין **שלחן ערוך** (או"ח סימן קלא-ו) איז נאר אזויפיל אז מען זאגט נישט קיין תחנון,

**האדמו"ר מוויזניץ י-ם:** די שאלה איז נאר אויף מנחה פאר דעם.

**רבינו:** און אין פשטות מיטשעט מען זיך דארט אויך, פארוואס טאקע זאגט מען נישט קיין תחנון. וואס

איז דער יום טוב. אין די ראשונים קוקט אויס, אזוי ווי די איבריגע דריי ראש השנה'ס זענען פארבינדען מיט א יום טוב, האט מען דאס אויך געמאכט ווי א יום טוב.

**האדמו"ר מוויזניץ י-ם:** די תלמידי הבעל שם טוב האבן געמאכט א עסק. מען איז געגאנגען מיט א ספאדיק, געזאגט תורות.

**רבינו:** דער **סאטמארער רב זכרונו לברכה**, דער דברי יואל, האט נישט געפירט קיין טיש ברבים, ער האט זיך געוואשען נאך שחרית צו א סעודה, ביי זיך אונטען אין בית המדרש, ביי די סעודה זענען געווען פופצען צוואנציג יודען, דער עולם האט נאך געארבעט דעמאלטס, עס איז געווען אינמיטן טאג. ווען ער האט געענדיגט די סעודה, האט מען געברענגט די פירות, און דעמאלטס האט מען אריינגעלאזט דעם עולם, און ער האט געטיילט פירות, עס איז שוין געווען פארנאכטס, ווען מען איז שוין אהיימגעקומען פון די ארבעט.

**האדמו"ר מוויזניץ י-ם:** דער זיידע ז"ל אינמיטן יאר ווען מען האט אים געברענגט באקסער, האט ער זיך אזוי געפרייט, ער האט זיך דערמאנט פון חמשה עשר בשבט.

*

**רבינו:** דער טאטע (**האדמו"ר מוויזניץ מאנסי זצ"ל**) איז געווען אין די דירה. איין וואך איז ער געווען דא, און ער איז איינגעשטאנען אין די דירה.

**האדמו"ר מוויזניץ י-ם:** ער איז געווען אינדערוואכן אין פאלם ספרינגס, און אויף שבת איז ער צוגעפארן צו דעזער"ט. עס איז מסירת נפש פון יודען צו קומען דא קיין פאלם ספרינגס, ווען מען קען פארן קיין פלארידע, צוויי שעה אוועק פון ניו יארק. און מען פלאגט זיך, מען קומט אהער מיט א פליגער, עס קאסט אסאך געלט. ווילאנג עס וועט זיך האלטען ווייס איך נישט, אבער הכל ריוח.

**רבי יואל פייערווערקער** (משב"ק)**:** יעצט איז עס שוין גאלד. ווען מען האט אנגעהויבן צו קומען דא, איז נישט געווען וואס אריינצונעמען, אפילו גרעי"פ דזשא"ס איז נישט געווען.

**האדמו"ר מוויזניץ י-ם:** מענטשען פרעגן מיך, מען קען גיין אויף אנדערע פלעצער אין פלארידא, זאג איך זיי, די נאמען פלארידא ליגט מיר נאך אין די ביינער פון קינדווייז אן, אז מען טאר נישט גיין צו פלארידא. צו עס וועט זיך האלטען לאנג? איך ווייס נישט. אבער...

ווען איך בין געווען אין ארץ ישראל, איז ארויסגעקומען די פעפסי קאלע, מיט קאקא קאלע, איך האב עס נישט אריינגעלאזט אין בית המדרש. מענטשען האבן זיך געוואונדערט, עס האט דאך א השגחה פון די עדה, זאגט איך, די סאדע איז כשר, אבער די פאפיר אויף די פלאש, קען איך נישט אריינלאזן אין בית המדרש. פון אלץ יונגעל ווייס איך, אז פעפסי און קאקא קאלע טרינקט א גוי...

**רבינו:** היינט ווייסט מען נישט וואס מען רעדט...

**האדמו"ר מוויזניץ י-ם: רבי נפתלי חיים אדלער זצ"ל** האט מיר פארציילט, אז ווען מען איז ארויף געקומען קיין ארץ ישראל, האבן זיי געדארפט פארן מיט די שיף, וואס איז ליידער דערטראנקען געווארן (ע"י הגרמנים ימ"ש). ווען ער האט געדארפט פארן, האט ער געזעהן די נאמען אויפן שיף, הפקר (מפקורא). האט ער געזאגט, איך האב מורא פון דעם נאמען, איז ער מיט זיין רעבעצין זענען נישט ארויף אויף די שיף. דער שיף איז דערטראנקען געווארן, און ער איז געבליבן לעבן.

**רבינו:** רבי מאיר דייק בשמא (יומא פג:).

**האדמו"ר מוויזניץ י-ם:** ביי אונז טוט זיך יעצט, וועגן דעם נאמען מרגליא צו מרגלית, צו מען קען זיך משדך זיין א שנור מיט א שוויגער.

**רבינו:** ווי אזוי קען זיין מען זאל נישט וויסן ווי אזוי זי האט געהייסען. עס איז דאך נאר איין דור צוריק.

**האדמו"ר מוויזניץ י-ם:** ביי אונז איז עס נישט קיין ספק, אז זי האט געהייסן מרגליא.

**רבינו:** וואו האט זיך עס געטוישט.

**האדמו"ר מוויזניץ י-ם:** די כתובה האט מען איבערגעשריבן אין ארץ ישראל, נאך די מלחמה, און דארט איז געשטאנען מרגלית. מיין ברודער רבי מענדל (האדמו"ר מוויזניץ קיימישע) האט געפרעגט די באבע, ווי אזוי הייסטו מרגליא אדער מרגלית. האט זי געזאגט, מען פלעגט מיך רופן מרגלית, איך האב געפרעגט מיין טאטע רבי וועלוועלע (מראחמיסטריווקא) ווי אזוי הייס איך. האט ער געזאגט, דו הייסט מרגליא, אבער מען רופט דיך מרגלית. – אין **קיצור נחלת שבעה**, איז עס צוויי נעמען.

**רבינו:** אבנים טובים ומרגליות...

*

**רבינו:** וואס זאגט איר אויף פאלם ספרינגס.

**האדמו"ר מוויזניץ י-ם:** איך וואלט געוואלט זיין דא א גאנץ לעבן, זיצן אין בית המדרש, אין חצר, גארנישט גארנישט גארנישט, פיר און צוואנציג שעה, א מחיה.

**רבינו:** די לופט איז זייער פיין דא, בעסער פון פלארידא.
**האדמו"ר מוויזניץ י-ם:** איך בין נישט געווען קיינמאל אין פלארידא. - הא"ט ספרינג"ס איז אביסל אנדערש, דארט איז עס אזוי ווי די קיבוץ'ניקעס, מען וואוינט אין חצר, און דארט איז דער בית המדרש, און די מקוה, אלעס איז אין איין ווינקעל.
**רבינו:** דא איז עס זייער צושפרייט. - דער באבוב'ער רב, רבי שלמה זצ"ל, איז געווען פון די ערשטע וואס זענען געקומען דא קיין פאלם ספרינגס, נאך מיט פערציג פופציג יאר צוריק.
איך קום אסאך מאל דא תיכף נאך די הייליגע טעג.
**האדמו"ר מוויזניץ י-ם:** פאר מיר וואלט עס געווען מורא'דיג. איך דארף נישט אזוי ווייט די אפרוען, נאר די עול וואס איך האב פונעם בית המדרש, ווען מען רעדטביים דאווענען, מאך איך שטיל. מען רעדט ביים באטע , איך מאך שטיל. עס איז מיר א עול.
**רבינו:** איך פארשטיי זייער גוט וואס מען זאגט.
**האדמו"ר מוויזניץ י-ם:** נישט יעדער האט דעם ווארט עול. מען רעדט ביים דאווענען, מען רעדט ביים טיש. ביי מיר איז נישט דא אזא זאך, איינער רעדט ביים באטע, שטעל איך מיך אפ. אינמיטן דאווענען, א ווארט מען רעדט, שטעל איך מיך אפ.
**רבינו:** איך זאג נישט אין בית המדרש גארנישט. און מיט דעם איז עס מיר א פרעשו"ר אין בית המדרש, פון ווען איך קום אריין, ביז איך גיי ארויס. מיט א ציבור צוזאמען, איז עס א עול.
**רבי יואל פייעווערקער** (משב"ק): אונז האב מיר איין גרויסע מעלה, אז אין וויען זיצט דער רב מיטן פנים צום עולם. – דער עולם האט א פראבלעם, נישט דער רב...
**רבינו:** דער **פריימאנער רב**, **רבי יהושע העשיל דייטש**, האט געוואוינט קודם אין לאס אנדזשעלעס, ער איז געווען דארט א רב אסאך יארן. שפעטער האט ער זיך צוריקגעצויגן קיין ניו יארק. האט ער מיר אמאל געזאגט, איך קום אריין אין בית המדרש, פון ווען איך זאג די ברכות, ביז מען ענדיגט דאווענען, דריי איך זיך נישט אויס, ווייל איך וויל נישט זעהן וואס טוט זיך אין בית המדרש. עס זענען געווען דארט אמעריקאנער יודען, ער האט נישט געוואלט זעהן ווען מען קומט, און ווי אזוי מען דאווענט.
**האדמו"ר מוויזניץ י-ם:** איך גיי אוועק דאווענען. אז מען האט גערעדט ביים דאווענען, בין איך נישט געקומען דאווענען צוויי שבתים.
**רבינו:** איר גייט בדרכי אבות, דער טאטע וואלט אויך אזוי געטון...

**וכיבדו רבינו לברך על היין**

**רבינו:** דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער אויך, מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה, מתוך נחת והרחבת הדעת. אלעס זאל גרינג אנקומען.
**האדמו"ר מוויזניץ י-ם:** אמן. געזונטע לעכטיגע יארן.